בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת שמות תשע"ז** | **שבת מברכין** | **גליון 393 [שנה ט']**

**כי טוב הוא נאר ער איז גוט?**

וַתַּהַר הָאִשָּׁה וַתֵּלֶד בֵּן וַתֵּרֶא אֹתוֹ כִּי־טוֹב הוּא וַתִּצְפְּנֵהוּ שְׁלֹשָׁה יְרָחִים׃ (ב ב) מען דארף פארשטיין אז די גמ' (ברכות דף י:) זאגט עס שטייט הִנֵּה־נָא יָדַעְתִּי כִּי אִישׁ אֱלֹקִים "קָדוֹשׁ הוּא" (מלכים ב' ד ט) א"ר יוסי בר' חנינא הוא קָדוֹשׁ ומשרתו –גֵּיחֲזִי– אינו קָדוֹשׁ, זעט מען אז מען דרשענט "הוּא" נאר ער און נישט א אנדערער, אויב אזוי וואס איז דער דרש דא כִּי־טוֹב "הוּא" אז נאר ער איז גוט און נישט א אנדערער? נאר עס איז מרמז אויף די אייניקל פון משה, יהונתן וואס שטייט אין (שופטים יח ל) וַיָּקִימוּ לָהֶם בְּנֵי דָן, אֶת הַפָּסֶל וִיהוֹנָתָן בֶּן גֵּרְשֹׁם בֶּן מְנַשֶּׁה מנשה איז משה, הוּא וּבָנָיו הָיוּ כֹהֲנִים לְשֵׁבֶט הַדָּנִי, און יְהוֹנָתָן האט געדינט עו"ז, קען זיין אז זי האט דאס געזען ברוח הקודש און פארשטאנען כִּי טוֹב "הוּא", נאר ער, און נישט זיינע קינדער, אבער פונדעסטוועגן ווייל ער אליין איז טוֹב, דעריבער וַתִּצְפְּנֵהוּ שְׁלֹשָׁה יְרָחִים, האט זי אים באהאלטן און נישט געקוקט אויף די שפעטערדיגע דורות. [אבער חז"ל זאגן אין ירושלמי (מסכת סנהדרין פרק יא דף ג) אז ווען דוד המלך האט געטראפן יהונתן דינט עו"ז האט ער געפרעגט ווי קומט דאס א אייניקל פון משה דינט עו"ז האט ער געענטפערט אז ער האט פארלוירן זיין געלט און איך האב א מסורה פון מיין זיידע אז מכור עצמך לעבודה זרה ואל תצטרך לבריות, האט אים דוד המלך געזאגט ח"ו דיין זיידע האט געזאגט מכור עצמך לעבודה שהיא זרה לך, נעם א ארבעט וואס איז פרעמד פאר דיר און אל תצטרך לבריות, שטייט אז יהונתן האט חרטה געהאט און איז געווארן א בעל תשובה. און דוד המלך האט געזען אז יהונתן האט שטארק ליב געלט, האט ער אים געמאכט זיין שר האוצר. הערת המו"ל] (ספר אברהם אברהם – ר' אברהם רומאנו ירושלים תרפ"ז)

**וועלכע אור האט מען געזען?**

וַתֵּרֶא אֹתוֹ כִּי טוֹב הוּא וַתִּצְפְּנֵהוּ שְׁלֹשָׁה יְרָחִים׃ (ב ב) זאגט רש"י כִּי טוֹב הוּא: כשנולד נתמלא הבית כולו אורה. (סוטה דף יב.) ווען משה איז געבוירן געווארן איז די הויז געווען פול מיט ליכטיגקייט. צו פארשטיין וועלכע אור רעדט מען דא, קען מען מרמז זיין דאס וואס שטייט (בראשית א ד) וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב, זאגט ר' אלעזר אור שברא הקב"ה ביום ראשון אדם צוֹפֶה בו מסוף העולם ועד סופו, כיון שנסתכל הקב"ה בדור המבול ובדור הפלגה וראה שמעשיהם מקולקלים עמד וגנזו מהן שנאמר (איוב לח טו) וְיִמָּנַע מֵרְשָׁעִים אוֹרָם, ולמי גנזו לצדיקים לעתיד לבא, שנאמר וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב, ואין טוֹב אלא צדיק שנאמר (ישעיהו ג י) אִמְרוּ צַדִּיק כִּי־טוֹב, כיון שראה אור שגנזו לצדיקים שמח שנאמר (משלי יג ט) אוֹר־צַדִּיקִים יִשְׂמָח. (חגיגה דף י"ב.) קומט אויס אזוי ווי דעם כִּי טוֹב ביי די בריאה מיינט מען די אור הגנוז, אזוי אויך האט זי געזען ביי משה די אור הגנוז וואס איז באהאלטן נאר פאר צדיקים, דאס מיינט נתמלא הבית כולו אורה, און אויך אז כִּי טוֹב הוּא, ער איז א צדיק, ווייל אין טוב אלא צדיק, און דאס קען זיין דער רמז פארוואס וַתִּצְפְּנֵהוּ שְׁלֹשָׁה יְרָחִים? א רמז אז דער אור איז באהאלטן. (שמח זבולון תשע"ז)

**פארוואס איז משה געלאפן צו די באר?**

וַיְבַקֵּשׁ לַהֲרֹג אֶת־מֹשֶׁה וַיִּבְרַח מֹשֶׁה מִפְּנֵי פַּרְעֹה וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ מִדְיָן וַיֵּשֶׁב עַל־הַבְּאֵר׃ (ב טו) זאגט רש"י וַיְבַקֵּשׁ לַהֲרֹג אֶת־מֹשֶׁה: מסרו לקוֹסְטִינָר –א שַׂר– להרגו ולא שלטה בו החֶרֶב הוא שאמר מֹשֶׁה: וַיַּצִּלֵנִי מֵחֶרֶב פַּרְעֹה (יח ד) צו פארשטיין פארוואס איז משה אנטלאפן דייקא צו א בְּאֵר, וואס האט די באר צו טאן מיט אנטלויפן פון פרעה? נאר רש"י (ברכות דף לג ע"א) ד"ה וּמֵת הֶעָרוֹד: ברענגט פון הלכות גדולות וואס בְּנֵי מַעַרְבָא זאגן אויב א עָרוֹד בייסט א מענטש, איז אויב די עָרוֹד קומט צו וואסער פריערט שטארבט דער מענטש וואס ער האט געביסן, אבער אויב דער מענטש קומט אן פריערט צום וואסער וועט די עָרוֹד שטארבן ע"כ. און עס שטייט אז דער נביא זאגט (יחזקאל כט ג) הִנְנִי עָלֶיךָ פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם הַתַּנִּים הַגָּדוֹל, האט משה רבינו מורא געהאט אז דער פרעה וואס איז הַתַּנִּים הַגָּדוֹל, האט דער זעלבע כח פון א עָרוֹד וואס בייסט, אזוי אויך די תַּנִּים הַגָּדוֹל וואס האט אים געשלאגן, און דאס וועט אים שאטן, דעריבער איז ער געלאפן מיט זיינע שנעלסטע כוחות צו די באר כדי צו קומען דארטן פאר פרעה אז לכל הפחות וועט ער זיך ראטעווען. (בית ישראל השלם למוה"ז האדמו"ר ממאטעטרסדארף זצוק"ל)

---

### אינטערעסאנטע דריי תמיהות אויף רש"י

**רש"י אנדערש פון מדרש**

1] וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב: (לז א) זאגט רש"י בקש יעקב לישב בשלוה, קפץ עליו רגזו של יוסף. צדיקים מבקשים לישב בשלוה, אמר הקדוש ברוך הוא: לא דין לצדיקים מה שמתוקן להם לעולם הבא, אלא שמבקשים לישב בשלוה בעולם הזה? פרעגט מען אז אין מדרש (בראשית רבה פרשה פ"ד ג') שטייט – אמר רב אחא בשעה שהצדיקים יושבים בשלוה ומבקשים לישב בשלוה בעולם הזה "השטן בא ומקטרג אמר" לא דיין שהוא מתוקן להם לעולם הבא אלא שהם מבקשים לישב בשלוה בעולם הזה. איז משמע אז דער שטן זאגט לא דיין וכו' און נישט הקב"ה, איז ווי זאגט רש"י אמר הקב"ה?

**רש"י אנדערש ווי א גמ'**

2] וַיִּמְתְּקוּ הַמָּיִם שָׁם שָׂם לוֹ חֹק וּמִשְׁפָּט: (שמות ט"ו כ"ה) זאגט רש"י (שמות ט"ו כ"ה) זאגט רש"י שם שם לו: וז"ל במרה נתן להם מקצת פרשיות של תורה שיתעסקו בהם, שבת ופרה אדומה ודינין: פרעגן די מפרשים אז דער מקור פון רש"י איז א גמ' (סנהדרין נו ע"ב) און דארטן שטייט "עשר מצות נצטוו ישראל במרה שבע שקיבלו עליהן בני נח והוסיפו עליהן "דינין ושבת וכיבוד אב ואם". אויב אזוי ווי שטייט אין רש"י אז מען האט געגעבן די מצוה פון פרה אדומה ווען די גמ' זאגט מען האט געגעבן כיבוד אב ואם?

**רש"י אנדערש פון א פסוק**

3] וְנָתַתִּי שָׁלוֹם בָּאָרֶץ: (ויקרא כו ו) זאגט רש"י וכן הוא אומר עֹשֶׂה שָׁלוֹם וּבוֹרֵא אֶת הַכֹּל. פרעגט די חזקוני און שפתי חכמים אז אין פסוק שטייט יוֹצֵר אוֹר וּבוֹרֵא חֹשֶׁךְ עֹשֶׂה שָׁלוֹם וּבוֹרֵא רָע (ישעיה מה ז) און נישט וּבוֹרֵא אֶת הַכֹּל? הגם אין די גמ' (ברכות דף י"א:) שטייט אז מען זאל זאגן אין תפילת שחרית יוֹצֵר אוֹר, וּבוֹרֵא חֹשֶׁךְ, עֹשֶׂה שָׁלוֹם וּבוֹרֵא אֶת הַכֹּל. איז דאס ווייל ביים דאווענען זאל מען נוצן א שיינעם לשון, אבער פארוואס דארף דאס רש"י ברענגען און אויך "וכן הוא אומר" מיינט א פסוק!

---

בעזר השם אין קומענדיגן גליון וועט מען ענטפערן תירוצים אויף די אלע קשיות און אויב איינע האט תירוצים קען ער אריינשיקן

## מדור העובדות

## מיט חכמה קערט זיך איבער דאס לעבן פון איד און ווערט א בעל תשובה

הר' מרדכי שווארץ האט געלערנט אליץ בחור אין ווערבוי און נאכדעם שפעטער אין פרעשבורג אין ישיבה פון הגאון הקדוש דער חת"ם סופר זצוק"ל. אין ווערבוי האט אויך געלערנט א בחור וואס איז געווען נאנט מיט ר' מרדכי אבער ער האט צוביסלאך געגליטשט ביז עס איז געקומען א מצב אז מען האט אים בלית ברירה אוועק געשיקט פון ישיבה. עס איז אריבער דרייסיג יאר פון דעמאלטס וואס דער בחור איז אוועק פון ישיבה און ר' מרדכי האט שוין לאנג פארגעסן פון זיין חבר אין ישיבה אין ווערבוי. ער איז געווארן א ראש ישיבה פאר בחורים אין שטאט סיגוט און געהאט א גוטן נאמען אין שטאט.

ר' מרדכי גייט איינמאל א שפאנציר אין די גאסן אין סיגוט טראכטן אין א טיפן סוגיא, ווען אנקעגן אים קומט א מענטש מיט א שיינעם געשטאלט אנגעטאן ווי די גוישע גבירים און זאגט אים אין אידיש שלום אליכם ר' מרדכי! ר' מרדכי ווערט צומישט, א גוי זאגט אים אזא ברייטן שלום עליכם! רופט זיך אן יענער: ר' מרדכי איר דערקענט מיר נישט? ר' מרדכי קוקט אים אן און זאגט אז ער קען אים נישט! זאגט אים דער מענטש איך בין דער בחור וואס האט געלערנט מיט דיר אין די ישיבה אין ווערבוי! און מיט שטאלץ זאגט ער דעמאלטס בין איך געווען א שגץ אבער יעצט בין איך א גוי גמור! און דערציילט אז ער האט טאקע חתונה געהאט מיט א אידישע טאכטער אזוי ווי אים און ער האט זיך געצויגן קיין בודאפעסט און האט מצליח געווען אין זיינע געשעפטן ביז איך בין געווארן פון די רייכסטע מענטשן אין בודאפעסט און ער שילדערט זיין פארמעגן אז לויט זיין חשבון וואס ער האט לעצטענס געמאכט, וועט ער אין דעם קומענדיגן יאר דאפלען זיין פארמעגן.

פרעגט אים ר' מרדכי: וואס טוט ער יעצט? האט ער געענטפערט אז ער וואוינט יעצט אין סיגוט און לכבוד די שמחה פון די גוטע נייעס, זוכט ער וואו צו פארברענגען ערגעץ אין א פלאץ וואו ער איז נאך נישט געווען און ער זאל שטארק הנאה האבן פון דעם. נו: ר' מרדכי איר זענט א קלוגער מענטש אפשר האט איר עפעס א עצה פאר מיר? ר' מרדכי איז געווען א פיקח און אים איז גלייך איינגעפאלן צו זאגן אז אין פרימישלאן איז דא א צדיק וואס הייסט ר' מאיר'ל וואס דארטן איז די גרעסטע געלעכטער און דו וועסט שטארק הנאה האבן. דער ר' מאיר'ל טוט מאדענע זאכן וואס וועט דיר ברענגען צו לאכן אן א אויפהער און בפרט ווען דו וועסט אריינגיין און רעדן מיט אים וועסטו פלאצן פון געלעכטער און די הנאה וועט דיר באגלייטן אויף אייביג!

ר' מרדכי זעט אז דאס איז א שטיקל מתקבל על הדעת פאר יענעם, דרוקט ער א ביסל שטארקער און זאגט דארט איז דער בעסטער טיאטער אין די וועלט און אז דו ווילסט קען איך קומען מיט דיר אזוי וועט דיר זיין מען איינגענומען! זאגט אים דער איד האסט מיר איינגערעדט און מיר וועלן פארן צוזאמען און וועסט מיר ווייזן וואו איך קען איינשטיין און אלעם קלאר ווייזן און נאכדעם קענסטו צוריק פארן צו דיין ישיבה. אלעם וועל איך באצאלן. ר' מרדכי איז מלא שמחה און האפענונג אז עס וועט זיין א שינוי לטובה ביי זיין אלטן חבר.

ר' מרדכי איז געפארן אין א מלכות'דיגן וואגן און אנקומענדיג אין פרימישלאן האט ר' מרדכי אים געוויזן דעם שטאט און איז געגאנגען צום גבאי פון ר' מאיר'ל און דערציילט וועגן וואס ער איז דא און ער זאל זען ארייינלאזן דעם איד צום רבי'ן אן פראבלעמען. ר' מרדכי פארט אהיים מיט א וואגן און איז מתפלל אז ער זאל זיין א גוטע שליח. עס גייט אריבער א פאר וואכן און ר' מרדכי טראכט וואס איז געשען מיט זיין אלטן חבר, ווען פלוצלינג קלאפט מען אין טיר און זיין ידיד איז דארט און קומט אריין און קושט די מזוזה!

פרעגט אים ר' מרדכי ווי אזוי איז געווען זיין הנאה אין פרימישלאן? ענטפערט אים זיין חבר, זאלסט וויסן אז וויבאלד האסט מיר געזאגט וועגן ר' מאיר'ל האב איך מחליט געווען אז איך וועל אריינגיין קודם צו אים און זיך באקענען מיט אים און נאכדעם וועל איך שוין פארברענגען אין שטאט און אויך זען די פיראכץ פון רבי'ן און האבן א גוטן געלעכטער, אבער אלעם האט זיך געטוישט נאך איידער איך בין אריין צום רבי'ן.

ר' מרדכי ווערט נתרגש און בעט ער זאל אלעם דערציילן, און ער זאגט: "ווען **איך בין נאר אריין אין שטוב פון צדיק האט מיין גאנצע גוף גענומען ציטערן פון פחד אן א פארוואס, און דער גבאי זאגט איך זאלווארטן אפאר מינוט ווען איך הער א געשריי פון רבי'ן'ס צימער און איינער זאגט הויך דעם פסוק** סוּרוּ טָמֵא קָרְאוּ לָמוֹ סוּרוּ סוּרוּ אַל תִּגָּעוּ (איכה ד' ט"ו) -**גיי ארויס דו ביזט טמא, גיי ארויס און ריר נישט אן!- און עס חזר'ת זיך איבער און איבער און יעדן מאל הויב איך אן צו וויינען מער און מער און אזא געוויין פון טיפעניש פון הארצן האב איך קיינמאל נישט פארזוכט, און נאכדעם הער איך פון צימער ווי דער צדיק זאגט מיט א זיסקייט דער פסוק** פִּתְחוּ שְׁעָרִים וְיָבֹא גוֹי צַדִּיק (ישעיה כ"ו ב) **ווען פלוצלינג זאגט מיר דער גבאי אז דער רבי רופט מיר אריין!**

**ווען איך קום אריין אין צימער גיט מיר דער רבי א ברייטן שלום עליכם וואס האט מיר אנגעווארעמט און דער רבי זאגט מיר ביזט דאך א תלמיד חכם און גוט געלערנט אליץ בחור ממילא ווייסטו שוין אליין אז די טויערן פון תשובה איז שטענדיג אפען, ממילא פאר אהיים און זאלסט זיך פירן ווי א עהרליכער איד און פאר לחיים ולשלום! איך האב שוין געפילט אין זיך די קדושת היהודי און איך האב צו געזאגט דעם רבי'ן אז איך בין מקבל. איך הויב אן ארויסגיין זאגט מיר דער רבי'ן שטילערהייט יעצט זעהסטו אז דער בעסטע טיאטיר און פארברענגען איז אין פרימישלאן! דא האב איך געזען די רוח הקודש פון צדיק און איך בין געגאנגען מיין וועג.**" יעצט בעט איך דיר ר' מרדכי מיר העלפן כשר'ן מיין שטוב און איך וויל צוריק גיין צו מיין אלטן חברותא! (אור המאיר סיפורי ר' מאיר מפרימישלאן תרפ"ו)


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן*

*תהלים נדפס בסלאוויטא חסר רק ד' דפים יש שער במעמדות $13000, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר $8500, אוסף של ספרים שנדפסו בשנגהי $4000, תשובה בכת"י פון ערבי נחל, תיקוני זוהר עם הגהות בעל בני שלישים $20000 , א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עם וועט העלפן $22000, כת"י ר' חיים וויטאל- זיין בר מצוה דרשה, א חיבור פון בעל נתיבות זיין ספר נחלת יעקב מיט הוספות, ספר כרתי ופלתי מיט חתימת הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן. א אוסף פון ערשטער דרוק ספרים פון רבינו יואל מסאטמאר, א בריוו פון הייליגן חכם צבי, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל, ספר יער אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א בריוו פון דעם קרבן נתנאל $32000, ספר אוצר הרבנים 1000 יאר פון רבנים, ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעסע מנהיג ברעסלאוו, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. מגן אברהם טריסק דפוס ראשון עם הברכה מצב מפואר $3500, מגן דוד דפוס ראשון זיטאמיר מצב נהדר $3200, ברכת דוד טאלנא דפוס זיטאמיר, מענה לשון דפוס זיטאמיר, כת"י פון באבא סאלי. שיינע לאנגע בריוו פון שדה חמד $3000, אוסף פון ערשטע דרוק ספרי המנחת אלעזר $3500, ספר עם חתימת הרה"ק ר' צבי הירש מרימינוב, חידושי תורה מר' צבי הירש ברוידע לא נדפס $3000, לחם שמים מהיעבץ דפו"ר עם הגהות מהר"ם יפה, ועוד ועוד, א אוסף פון מילר חלפים און אנדערע חלפים פאר עופות און דקות און שטיינער, צו פארקויפן 10 מטבעות לזכרו פון חת"ם סופר פאר $4000 1 מטבע $500, ספר מלכות אדמור"י טשרנאביל $200 רק שני עותקים כל הקודם זוכה

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת